**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 04/20/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארשריט אויף סענטראל איסט ענערדזשי קאנעקט טראנסמישן פראיעקט**

***פרינצטאון סאבסטעישן ענערגיזעישן אין שענעקטעדי קאונטי ברענגט דעם פראיעקט צו 75 פערצענט פארענדיגונג ארט***

***93-מייל טראנסמישן אפגרעיד פון מארסי צו ניו סקאטלענד העלפט פאראארטעווען גריד קעגן עקסטרעמע וועטערס און העלפט שטייגן ניו יארק'ס ריינע ענערגיע צילן***

***זעה [בילדער](), [CEEC פראיעקט מאפע]() און א פארשטענדליכע [מאפע פון נייע שטאטנווייזע טראנסמישן אינוועסטמענט]()***

גאווערנער קעטי האוקל האט היינט אנאנסירט באדייטנדע פארשריט אין צענטראלע איסט ענערגיע קאנעקט טראנסמישן פראיעקט וואס ציט זיך דורך די מאהאוק וואלי ביז קי קעפיטל דיסטריקט. די פארשטענדליכע אפגרעיד פון טראנסמישן ליניעס צווישן מארסי אין אונײדע קאונטי און ניו סקאטלענד אין אלבאני קאונטי שטיצט אונטער די גלאטע טראנסמישן פון ריינע ענערגיע איבער די סטעיט. אלס טייל פון א סעריע מעלדונגען צו פייערן Earth Week די וואך האט גאווערנער האקול אנערקענט די בויען פארענדיגונג און ענערגיזאציע פון א נייע פארגעשריטענע פרינצטאון סאבסטעישן אין שענעקטעדי קאונטי אלס טייל פון די צענטראלע איסט ענערגי קאנעקט פראיעקט. די נייע ענערגיע אינפראסטרוקטור ערלויבט א פארגרעסערטי פאוער טרענספער מעגליכקייט, ערמעגליכט פארברייטערטע באנייבארע ענערגיע וועגן, און פארבעסערט די צוטרוי און שטאנדהאפטיקייט פון די סטעיט פאווער גריד צו פאראויס ברענגען די ריינע ענערגיע צילן ארויסגעשטעלט אין די סטעיט'ס קלימאט לידערשיפ און קאמיוניטי פראטעקשן אקט.

"בשעת מיר טוען ווייטער גיין מיט אונזערע פרואוון צו באקעמפן קלימאטן טויש, פארבעסערנדיג ניו יארק'ס טראנסמישן סיסטעם איז געווארן איינע פון די וויכטיגסטע פריאריטעטן צו פאראהאטעווען די פאוער סיסטעם און אן-באורד מער באנייבארע ענערגיע, " **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט די צענטראל איסט ענערגיע קאנעקט מיילסטאון, טוען מיר פארבעסערן און ארויפארבעטן אונזער עלעקטראנישע גריד צו העלפן אויסהאלטן וועטער טוישונגען, אלעס בשעת'ן אויפהאלטן גוט-באצאלטע ריינע ענערגיע דזשאבס."

ארבעט האט זיך אנגעהויבן ביי די צענטראלע איסט ענערגיע קאנעקט ( Central East Energy Connect, CEEC) פראיעקט אין פעברואר 2021 אם פארברייטערן עלעקטראנישע טראנסמישן מעגליכקייטן דורך 93 מייל אין די מאוהאק וואלי און קאפיטל ראיאן - טראדיציאנאל איינע פון די שטאט'ס מערסט באנוצטע פארשטאפטע ענערגיע קארידארן. א דזשוינט פראיעקט דורך LS Power Grid New York און די ניו יארק פאוער אויטאריטי, CEEC וועט ערלויבן פאר די פלייץ פון מער באנייבערע ענערגיע

ארום די סטעיט און העלפן לייגן ניו יארק אויפן וועג צו נאכקומען אירע נאציאנאלע-פירנדע ריינע ענערגיע צילן, אריינגערעכנט 70 פערצענט באנייבארע ענערגיע פראדוצירונג ביז 2030 און זערא-עמישנס עלעקטריציטעט סעקטאר ביז 2040.

**ניו יארק פאוער אוטאריטי עקטינג פרעזידענט און CEO דזשאסטין א. דריסקאל זאגט,** " איך בין גאר צופרידן פון די באדייטנדע פארשריט וואס קומט פאר אויף די צענטראלע איסט ענערגיע קאנעקט פראיעקט, א דאנק אין גרויסן פאר די צוזאמענארבעט צווישן LS פאוער גריד ניו יארק, די ניו יארק פאוער אויטאריטעט און א שטארקע יוניאן ארבעטס כח. טראנסמישן סיסטעם פארבעסערונגען ווי דאס וועלן אונז ערלויבן צו ברענגען נאך באנייבארעס אינם גריד, דורך דעם רעדוצירנדיג דאס באנוץ פון פאסיל פיולס, פארבעסערנדיג די ענווייראנמענט, און מאכנדיג די גריד מער שטאנדהאפטיג און געטרויבאר."

**ניו יארק סטעיט האומס און קאמיוניטי רעניוועל קאמישאנער רוטענע וויסנאוסקאס זאגט,** "די היינטיגע אנאנסירונג טוט פאראויס ברענגען גאווענער האקול'ס צוזאג צו מאכן ענווייראנמענטאלע אויסהאלטבארע צוגענגליכע הייזער אוועילעבל פאר אלע ניו יארקער. די $15 מיליאן פיוטור האוזינג איניציאטיוו וועט צוברענגען דאס אויפבוי פון 30 ריינע, עלעקטרישע, און צוגענגליכע געביידעס פאר ניו יארק סיטי'ס איינוואוינער. די פראגראם, צוזאמען מיט די HCR'ס ריינע ענערגיע איניציאטיוו, וואס טוט צושטעלן ארגאנזירטע צוטריט צו צוגענגליכע האוזינג פינאנצירונג געלעגנהייטן פאר דעוועלאפערס וואס קענען פראדוצירן סיסטעמעטישע ענערגיע, בלויז עלעקטריצטעט צוגענגליכע יוניטס, וועט פארזיכערן אז ניו יארק טוט ווייטער פירן די וועג און רעאליזירן א דיקארבאנייזד האוזינג סטאק. צוזאמען וועלן די פראגראם נישט נאר בענעפיטירן די וואס וועלן קענען רופן מאדערן, שטאנדהאפטיגע אפארטמענטס אלס זייער היים, עס וועט ערמעגליכן גאנצע געמיינדעס צו הנאה האבן פון בעסערע לופט קוואליטעט פון רעדוצירטע געביידע עמישנס."

LS **פאוער גריד ניו יארק CEO פאול סיגעל זאגט,** "ענערגעזירן די פרינצטאון סאבסטעישן איז נאך א געוואלדיגע דערגרייכונג פאר די LS פאוער גריד ניו יארק און די ניו יארק פאוער אויטאריטעט טיעם. מיר טוען ווייטער קוקן פאראויס צו דאס פארענדיגונג פון די צענטראלע איסט ענערגיע קאנעקט פראיעקט דאס יאר, מאדערנאזירנדיג די וויכטיגע אפטיילונג פון די ניו יארק סטעיט עלעקטרישע סיסטעם צו העלפן פירן די טויש צו טרויבארע ריינע ענערגיע."

די CEEC פראיעקט איז געשטעלט צו ווערן פארענדיגט שפעטער דאס יאר און וועט האבן נאנט צו פינף מאל די מעגליכקייט פון די ליניעס וואס ווערן איבערגעזעצט צו העלפן נאכקומען ניו יארק סטעיט'ס ענערגיע נויטונגען היינט און אינם צוקונפט. די $615 מיליאן פראיעקט זעצט איבער עקזיסטירנדע ליניעס און האלצענע זוילן - פילע פון זיי וואס זענען בערך 60 יאר אלט - מיט שטארקערע אייזענע מאנאפאלן אין עקזיסטירנדע יוטיליטי רייט-אוו-וועי. אין סך הכל וועט דער פראיעקט אראפנעמען בערך 1,250 פארעלטערטע טראנסמישען סטרוקטורן און זיי ערזעצן מיט בערך 700 נייע מאָנאָפּאולס. אין צוגאב, מיט די היינטיגע אנאנסירונג פון די פרינצטאון סאבסטעישן ענערגיזעישן, איז די פראיעקט'ס צווי נייע סאבסטעישנס שוין יעצט ביידע אין סערוויס.

ניו יארק לויטענאנט גאווערנער אנטאניא דעלגאדא, פרעזידענט און CEO פון די ניו יארק אינדעפענדענט סיסטעם אפערעטער ריטש דוויווי, און אנדערע סטעיט ענערגיע און ענווייראנמענטאלע פארשטייער, האט באטראכט די פראיעקט'ס פארשריט ביי אן [אקטאבער 2022 אווענט](#) צו פארצייכענען די ענרעגיזעישן פון די גארדאן ראוד סאבסטעישן אין שענעקטעדי קאונטי.

**פרעזידענט און CEO פון די ניו יארק אינדעפענדענט סיסטעם אפאראט ריטש דיווי זאגט,** "די שליסל דערגרייכונג דורך NYPA און LS פאוער גריד ניו יארק איז נאך א גרויסע דערגרייכונג אין פארשטערקערן די עלעקטראנישע סיסטעם און פאראויס רוקן די גריד און טראנזישן. די צענטראלע איסט

ענערגיע קאנעקט איז א גרויסע ביישפיל פון ניו יארק סטעיט'ס נאציאנאל-פירנדע ארבעט און צוזאג צו מאדערנאזירן אונזער גריד אינפראסטרוקטור און אדרעסירן קלימאטן טויש."

עס איז א טייל פון א גרעסערע ארויסבוי פון טראנסמישן פראיעקטן ארום ניו יארק סטעיט, אריינגערעכנט מער ווי 1,000 מיילן פון געפלאנטע טראנסמישן אינוועסטירונגען וואס וועט באשאפן געלעגנהייטן צו פארגרעסערן די באנוץ פון באנייבארע ענערגיע פאר טיילן פון די סטעיט וואס זענען איצט שווער אנגעוויזן אויף פאסיל פיול פלענטס. אין צוגאב צו די CEEC, NYPA טוט ווייטער גיין מיט איר ארבעט אויף אירע [מאזעס-אדיראנדעק סמארט פעטה ריליעבילטי פראיעקט](#) אין די נארט קאנטרי און האט אנגעהויבן בויען שפעטער לעצטע יאר די [סמארט פעטה קאנעקט](#) פראיעקט, א טראנסמישן פראיעקט וואס NYPA האט אונטערגענומען מיט נעשאנעל גריד. נאך עטליכע טראנסמישן פראיעקטן זענען אין פארשידענע פאזעס פון בויען אריינגערייכנט ניו יארק טרענסקאָ'ס [ניו יארק ענערגיע סאלושן](#) וועלכע נעמט אריין דאס איבערבויען בערך 54 מיילן פון טרענסמישן ליניעס אין די האדסאן וואלי און NextEra Energy Transmission ניו יארק'ס לעצטיגע פארענדיגטע און ענערגעזירטע [עמפייער סטעיט ליין](#) [פראדזשעקט](#) פון בערך 20 מיילן אין וועסטערן ניו יארק.

צוויי נייע גרויסע טרענסמישן און באנייבאער ענערגיע פראיעקטן, וועלכע זענען אויסדערוועלט געווארן דורך גאווערנער האקול אין 2021 צו העלפן טראנספארטירן ריינע ענערגיע צו ניו יארק סיטי, זענען אן דעק און ערווארטן א פערמיט: [קלין פעט ניו יארק](#), א פראיעקט באארבעט דורך א צוזאמענארבעט צווישן NYPA און Forward Power (א דזשוינט ווענטור פון Invenergy און energyR) וועלכע איז יעצט אונטער איר ארטיקל VII איבערזיכט און די [טשעמפיאן האדסאן פאוער עקספרעס טרענסמישן](#) [פראדזשעקט](#)באארבעט דורך Transmission Developers Inc.

פאר מער אינפארמאציע איבער צענטראל איסט ענערגיע קאנעקט פראיעקט, גייט צו די CEEC [פראיעקט וועבזייטל](#). זעט לעצטיגע [בילדער](#) פון ליניע בוי ארבעט.

**ניו יארק סטעט סענאט ענערגיע פארזיצער קעווין פארקער זאגט,** "מיר מאכן טריט אין די ריכטיגע שטימונג מיט די ארבעט וואס גאווערנאר האקול און אלע פארטייען האבן געטוהן צו מאכן ניו יארק סטעיט'ס ריינע ענערגיע כמעט פארענדיגט. האבן מער באנייבארע ענערגיע אין די סטעיט פון NY וועט בענעפיטירן פאר דורות ארום. איך וויל אויסלויבן גאווערנער האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו אדרעסירן קלימאט טויש און אריבערפירן אונזער ענערגיע גריד צו איינס וואס איז באמת ריין, גרין און פון מקורות וואס ווערן נישט אויסגענוצט."

**ניו יארק סטעיט אסעמבלי ענערגיע פארזיצער דידי בארעט זאגט,** "פארמערטע צוטריט אין אונזערע ענערגיע גריד איז וויכטיג צו דערגרייכן אונזערע CLCPA צילן, און מאדערנאזירן אונזער טראנסמישן סיסטעם איז א שליסל טייל צו פארזיכערן א פארזיכערטע און טרויבארע פלייץ פון ריינע ענערגיע ארום ניו יארק סטעיט. די היינטיגע פארענדיגונג פון די פרינצטאון סאבסטעישן איז א וויכטיגע שריט צו פארענדיגן די צענטראל איסט ענערגיע קאנעקט. איך דאנק גאווערנאר האקול פאר איר פירערשאפט."

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום וויניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. געפירט דורך טייל פון די לאנד'ס מערסטע אגרעסיווע קלימאט ענערגיע פראגראמען, איז ניו יארק איז אויפן וועג צו דערגרייכן א גארנישט-ארויסרינונג עלעקטריציטעט סעקטאר ביי 2040, אריינעמענדיג 70 פראצענט נייבארע ענערגיע

פאבריצירונג ביי 2030, און עקאנאמיע ברייט קארבאן נייטראליטעט ביז 2050. א גרונדשטיין פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע אויפטרייבונג און טראנסמישען פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 1.8 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון און איבער 1.8 ביליאן דאלאר אין NY Green Bank (גרינע באנק) פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 2,100 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער צו אוואנסירן ניו יארק'ס קלימאט ארבעט מיט באלד 400 רעגיסטרירטע און 100 סערטיפייד קלימאט-סמארט קאמיוניטיס, באלד 500 ריינע ענערגיע קאמיוניטיס, און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט מאניטארינג פרואוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס איבער די סטעיט צו העלפן מיט לופט פארפעסטיגונג הילף און קעמפן קעגן קלימאט טוישן.

**איבער LS פאוער**

LS פאוער גריד ניו יארק איז אן LS פאוער קאמפעני באשטימט צו דעליווערן טרויבארע און צוגענגליכע טראנסמישן אינפערסטרוקטור פאר ניו יארק. LS פאוער איז א דעוועלאפמענט, אינוועסטמענט, און אפערעיטינג קאמפעני וואס קאנצענטרירט אויף די נארט אמעריקע פאוער און ענערגיע אינפראסטרוקטור סעקטאר. זינט איר אנפאנג אין 1990, אין צוגאב צו אירע דעוועלעפמענט פון איבער 680 מיילן פון הויכע וואלטעדזש טראנסמישן, האט LS פאוער דעוועלאפט, געבויט, אנגעפירט, אדער איבערגענומען מער ווי 46,000 MW פון פאוער גענעראציע, אריינגערעכנט יוטיליטי-סקעיל סאלער, ווינט, וואסער, נאטורליכע גאז-פייערד און בעטערי ענערגיע סטארעדזש פראיעקטן. און צוגאב, LS פאוער טוט אקטיוו אינוועסטירן און ביזנעסער וואס זענען קאנצענטרירט אויף באנייבארע ענערגיע און פיול, ווי אויך פארטייל ענערגיע ריסאורס פלאטפארמעס, ווי CPower ענערגיע מענעדזשמענט, ענדורענט ענערדזשי, און EVgo. ארום איר לייסטונגען האט LS Power געצויגן איבער $49 ביליאן אין חובות און פארמעגנס פינאנסירונגען צו שטיצן די נארט אמעריקען אינפראסטרוקטור. פאר מער אינפארמאציע, ביטע באזוכט www.LSPower.com

**וועגן NYPA**

NYPA איז דער גרעסטע סטעיט פובליק ענערגיע קראפט ארגאניזאציע אין דעם לאנד, און וועלכער אפערירט 16 דזשענערעיטינג פאסיליטיס און מער ווי 1,400 מייל פון טראנסמיסיע ליניעס מער ווי 80 פראצענט פון די עלעקטריק וועלכע NYPA פראדוצירט איז זויבערע רעניועבל היידראָ-פּאַווער. NYPA פינאנצירט איער אפערעציעס דורך געלט פארדינט מערסטס דורך פארקויפונגען פון עלעקטריציטעט און דאס פארקויפן פון באנדס. פאר מער אינפארמאציע באזוכט www.nypa.gov און פאלגט אונז נאך אויף טוויטער @NYPAenergy, פעיסבוק, Tumblr, Instagram און LinkedIn.

**איבער צענטראל איסט ענערגיע קאנעקט**

די צענטראלע איסט ענערגיע קאנעקט פראיעקט וועט פארבעסערן עלעקטראנישע טרענסמישן אנשטאלטן אין עקזיסטירנדע יוטיליטי קארידארן צווישן די טאון אוו מארסי און ניו סקאטלאנד. די פארבעסערונגען וועלן העלפן בארויגן שמאלע געגענטער אויף די ניו יארק פאוער גריד, שטיצן באנייבארע ענערגיע, איבערזעצן פארעלטערטע אינפראסטרוקטור צו פארבערסערן צוטרויבארקייט, און צושטעלן אסאך אנדערע בענעפיטן פאר ביזנעסער און איינוואוינער ארום ניו יארק סטעיט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418